בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת ויחי

שנת תשפ"ה לפ"ק

נלקט משיעוריו של

הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א

רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.28 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.29

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע
אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת ויחי

**מען** געפינט זיך שוין פרשת ויחי
אט אט טאנצט מען אריין אין
די טעג פון שובבי"ם מיט א שמחה
של מצוה דיווארט שמחה אויב
נעמט מען די ש' מיט די מילוי איז
עס ש"ין וואס איז בגי' ש"ס אזוי ווי
די גימטריא פון ש"ס וואס קומט אונז
זאגן אז סיי בכח פון זיצן אין לערען
וואס איז מרומז אין די ווארט ש"ס און
ווי אויך דורך די לימוד התורה און די
עבודה בכללית פון די ימי השובבי"ם
קומט מען צו צו שמחה וואס מעקט
אויס אלע עצבות און מרה שחורה
וואס דאס איז די נוטריקון פון ש'מחה
שי"ן מחה אזוי ווי דערמאנט

**די** ר"ת פון די ערשטע ווערטער
פון די וואכעדיגער סדרה איז
שובבי"ם נאר עס פעלט איין ב' מען
קען נעמען די ב' פון בא און אריינגיין
אין די עבודה פון די טעג אדער
נעמען די ב' בשלח און אוועקשיקן
די התעוררות נו מען האט א בחירה
אבער א איד מיט שכל גייט אריין מיט
א בא

**די** ערשטע רש"י זאגט אונז די ענין
פון נסתמו עיניהן ולבן של ישראל
פון די שעובד וואס האט זיך דעמאלס
אנגעפאנגן ווי באקאנט איז א חלק
פון די גלות מצרים געוועהן אז עס
איז געוועהן מלא זוהמא מערות
הארץ און דער נסיון וואס איז היינט
דא אין די ענין פון שמירת עינים איז
שוין דעמאלס געוועהן נו צוליב דעם

**שטייט** נסתמו עינהן ולבן של ישראל
וויבאלד עין רוה ולב חומד
האט מען געדארפט צומאכן די אויגן
און נישט עובר זיין אויף די לב חומד
און דאס קען מען אריינטייטשן אין די
נסתמו עינהם

**אגב** איז דא א ווארט פון די
הייליגן רוז'ינער וואס האט זיך
אמאהל אויסגנעדריעקט כלפי מעלה
באשעפער וואס ווילסטו פון דיינע
קינדער מען בינדט זיי צו די אויגן און
מען שטאפט זיי צו דאס הארץ און די
ווילסט עפעס הערן פון זיי פאלג'זשע
מיר פאלג'דשע מיר בינד זיייי אויף די

אויגן און שטאפ זיי אויף דאס הארץ וועסטו הערן פון זיי שירות ותשבחות

**דאס** קען מען ארייטייטשן אין וואס מען זאגט פרייטאג צונייכטס יהא רעוא קמי' דתשרי על עמי דיתענג לשמי' במתיקין ודובשין מען טרעפט אז שרי איז א לשון פון לאזן אזוי אויך איז שרי א לשון פון אויפבינדן מען בעהט פון אויבעשטן ער זאל אונז לאזן אים דינען און ער זאל אויפבינדן די אויגן דיתענג לשמי' במתיקין ודובשין כדי עס זאל זיין פארן אויבעשרשטן א תענוג מתיק מדבש

**די** הייליגער רוז'ינער זאגט אויף די וואכעדיגער סדרה וואס איז א באקאנטער מאמר פון הייליגן רוז'ינער אבער ער זאגט עס דער וואך אויף די פסוק האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים זאגט ער אז בעיקבתא דמשיחא וועט אראפקומען א קרירות אויף די וועלט און די אמונה וועט זיך האלטן אויף א האר און די עצה וועט זיין האספו ואגודה וואס איז א לשון פון אחדות אז אידישע קונדער וועלן זיך צוזאמנעמען פרייטאג צונאכטס אזוי וועלן זיך אידישע קינדער האלטן ביי די אמונה לכל אורך הדרך

**אגב** פארוואס ווערט אנגעריפן די זמן פון עיקבתא דמשיחא אחרית הימים ווייל עס איז באקאנט אז איין טאג איז ביי הקב"ה טויזנט יאר מען רופט דאך עס אן אחרית הימים וואס איז מועט רבים שנים און די גאולה וועט דאך זיין סוף פון די צווייטע טאג וואס די זמן וואס מען געפינט זיך יעצט איז שוין לאנג נאך חצות צו די שקיעה און אפשר גאר בין השמשות

**די** פסוק זאגט בך יברך ישראך ישימך אלוקים כאפרים וכמנשה קען זיין אז מיט דעם בענטשן אידישע קינדער זייערע קליינע קינדער פרייטאג צו נאטס צו ערב יום כיפר צו סיי ווען ווייל דער ברכה איז געגעבן געווארן אויף אן אופן וואס יעקב אבינו האט זיכער געמאכט אז עס זאל נישט זיין קיין קנאה עס איז געוועהן שכל את ידיו די גרעסטע ברכה פאר קינדערלעך איז אז יעדער קינד זאל זיין אן איינס און עס זאל נישט זיין קיין קנאה צווישן זיין

**אזוי** ווי עס שטייט אין פרשת יתרו אשר שם האחד גרשון ושם האחד אליעזר לכאורה וואלט געדארפט שטיין אשר שם האחד גרשום ואשר שם השני אליעזר אזוי ווי עס קומט צו שטיין

**נאר** די פסוק איז א מורה דרך אז יעדער קינד דארף זיין אן אחד שלא יחבב בן בין הבנים אז די קינדער זאלן וואקסן וואויל אן גערואטן באהבה ואחוה ושלום וריעות דעס איז די ענין פון בך יברך ישראל דאס איז די גרעסטע ברכה אז אויף

א קונסטליכע אופן געבן פאר יעדעס קינד די הרגשה אז ער איז אן איינס און אויף דעם דארף זיין שכל את ידיו מען דארף גיין מיט אסאך שכל קאפ און מח

**וויטער** אין די סדרה יששכר חמור גרם יששכר איז דאך די בן תורה אסאך מאהל קען א בן תורה טראכטן צו זיך פארוואס פעלט מיר אויס די יצר הרע ער איז מיר נאר א שטער מה לי לצרה הזאת

**די** תירוץ איז חמור גרם דאס אז די יששכר קען בכלל לערנען אזי צוליב דעם וואס ער האט א יצר הרע די עבודה פון א איד אויף דער וועלט איז דינען די אויבעשטער מיט די יצר הרע מעלה זיין די יצר הרע אל הקדושה נעמען די כח התאוה און אריינלייגן אין די תורה אזוי ווי עס שטייט ה' נגדך כל תאוותי

**ביי** שבט גד שטייט גד גדוד יגידנו והוא יגוד עקב לכאורה איז גד גדוד א ריבוי אחר ריבוי וואסביידע מיינען א לשון אחדות און א ריבוי אחר ריבוי איז דאך למעט נו וואס איז שייך ממעט צו זיין ביי אחדות אחדות דארף דאך זיין מיט יעדער איד

**נו** וועגן דעם זאגט ער טאקע א דריטע מאהל יגודנו אז מען דאף זיך מתחבר זיין צו יעדער איד און צו יעדער סארט איד און די פסוק ענדיגט צו והוא יגוד עקב אזא סאר אחדות דארף זיין בעיקבתא דמשיחא

**און** אויף דעם פארנעם קען מען אויך זאגן עס איז דאך שבת חזק מען זאגט חזק חזק ונתחזק איז עס דאך א ריבוי אחר ריבוי למעט אמאהל דארף מען זיך נישט מחזק זיין? נאר ונתחזק.